**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול, ריטעיל ארבעטער און קליינע ביזנעס אייגענטומער פייערן נייע לאנדמארק שוץ מאסנאמען קעגן ארגענעזירטע ריטעיל רויבעריי**

***נייע פעלאני שטראפן געשאפן פארן איבערפאלן א ריטעיל ארבעטער***

***ביזנעס אייגנטומער וועלן האבן צוטריט צו $5 מיליאן שטייער קרעדיט פאר סעקיוריטי קאמערעס און אנדערע אנטי-רויבעריי אויסגאבן***

***$40.2 מיליאן פאר דעדיקיטירטע ריטעיל רויבעריי טיעמס פאר ניו יארק סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט זיך צוגעשטעלט צו א קאלאיציע פון פראנט-ליניע ריטעיל ארבעטער און קליינע ביזנעס אייגענטומער צו פייערן נייע שוץ מאסנאמען קעגן ארגענעזירטע ריטעיל רויסעריי וואס זענען געווארען אינטערגעשריבן אין געזעץ מיט די FY25 סטעיט בודזשעט. די גרינטליכע צוגאנג לייגט מער מאכט אין די הענט פון געזעץ אינפארסירונג, פראסעקיוטער און ביזנעס אייגנטומער - צילנדיג יעדע ארט פון שוואכקייט. די נייע שוץ מאסנאמען נעמען אריין געהעכערטע קרימינאלע שטראפן פאר סיי ווער עס פאלט איבער א ריטעיל ארבעטער דורך עס הייבן פון א מיסדימיניאר צו פעלאני, און נעמט אריין א $5 מיליאן דאלאר שטייער קרעדיט צו העלפן קליינע ביזנעס אייגענטומער אינוועסטירן אין צוגעלייגטע סעקיוריטי מאסנאמען. גאווערנער האקול'ס FY25 סטעיט בודזשעט מאכט נאכאמאל היסטארישע אינוועסטירונגען אין פובליק זיכערהייט און בויט אויף דריי יאר פון פארשריט וואס טרייבט אראפ פארברעכן לענגאויס די סטעיט.

"איך האב פארשפראכן פאר די ריטעיל ארבעטער און אונזער קליינע ביזנעס אייגענטומער אז איך וועל זיי שוצן - און אונז טוהן פונקט דעס," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "דא אין ניו יארק, אונז שטיין אויף צו ארגענעזירטע ריטעיל רויבעריי, שטיצן אינטער אונזער ביזנעסעס און זייער ארבעטער מיט די פולע מאכט פון די געזעץ, און שטעלן צוריק דעם געפיל פון זיכערקייט און אינערליכע רוה אז זיי זאלן קענען פאקוסירן אויף וואס זיי טוהן די בעסטע."

גאווערנער האקול'ס קאנצענטרירונג אויף ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי קומט נאך פארברעכן אינפארמאציע האבן געוויזן אן ערנסטע אויפשטייג אין די פארברעכן איבער די לעצטע זעקס יאר. רויבעריי פארלעצונגען אין ניו יארק סיטי זענען ארויף מיט 51 פראצענט צווישן 2017 און 2023. רויבעריי, ערנסטע גניבה און קליינע גניבה אין ניו יארק סיטי זענען ארויף מיט 86 פראצענט דורכאויס דעם זעלבן צייט אפשניט.

די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אריין גאווערנער האקול'ס פינף-נקודות'דיגע פלאן צו באקעמפן ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבות:

- **הייבן קרימינאלע שטראפן** פאר סיי ווער עס פאלט איבער א געשעפט איינגעשטעלטע דורך עס הייבן פון א מיסדימיניאר צו פעלאני. סיי וועלכע מענטש וואס איז גורם פיזישע שאדן צו א געשעפט איינגעשטעלטע וועלכע פירט אויס זייער ארבעט וועט זיין אויסגעשטעלט צו די נייע פעלאני.

- **ערלויבן פראסעקיוטאר צאמצושטעלן די ווערט פון גערויבטע סחורה** ווען זיי געבן אריין לארסעני טשארדזשעס. דער בודזשעט ערלויבט געשעפט פראדוקטן פון פארשידענע געשעפטן צו ווערן צאמגערעכנט פאר די צוועקן פון דערגרייכן א העכערע לארסעני שטאפל ווען גערויבט אונטער דעם זעלבן קרימינאלע פלאן.

- **מאכן אומלעגאל דורכצופירען דאס פארקויף פון גערויבטע פראדוקטן** צו גיין נאך דריטע-פארטיי פארקויפער. א מענטש וועלכע ווערט געפונען שולדיג אויב זיי נוצן סיי וועלכע וועבזייטל אדער פיזישע לאקאציע צו פארקויפן גערויבטע פראדוקטן.

- **$40.2 מיליאן** פאר באשטימטע געשעפט רויבעריי טיעמס אינערהאלב סטעיט פאליציי, דיסטריקט אטארניס' אפיסעס און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג, אריינגערעכנט 100 ניו יארק סטעיט פאליציי איינגעשטעלטע וועלכע זענען געווידמעט צו קעמפן ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי.

- **$5 מיליאן** שטייער קרעדיט צו העלפן קליינע ביזנעסער אינוועסטירן אין צוגעלייגטע זיכערהייט מיטלען אזוי ווי קאמערעס. צו העלפן פארלייכטערן די יאך אויף קליינע ביזנעסער פאר נאך זיכערהייט מיטלען, שאפט דער בודזשעט א $3,000 שטייער קרעדיט פאר סיי וועלכע קליינע ביזנעס וועלכע געבט אויס די שטאפל סומע פון געלט אויף געשעפט רויבעריי פארמיידונג מיטלען.

גאווערנער האקול'ס געטריישאפט צו קעמפן געשעפט רויבעריי אין דעם FY25 בודזשעט בויט אויף די הויפט סטראטעגיעס וואס האבן געטריבן ווילדע פארברעכן צו היסטארישע נידריגקייטן. אין רעזולטאט פון פראגראמען ווי די רעוואלווער פארמישטע ווילדע עלימינאציע איניציאטיוו ( Gun Involved Violence Elimination Initiative, GIVE), וועלכע שטעלט צו געלט פאר לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אין 21 קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, האבן פארברעכן פארמישט מיט רעוואלווער געזען דראמאטישע נידריגקייטן. לעצטע קווארטל, האבן GIVE געגענטער געהאט די נידריגסטע צאל שיסערייען אויפן רעקארד, און ניו יארק סיטי האט געהאט די נידריגסטע צאל שיסערייען אין סיי וועלכע קווארטל זינט די פאנדעמיק. זינט 2021, זענען מערדערייען לענגאויס די סטעיט אראפ מיט 30 פראצענט.

**סטעיט סענאטאר בראד הוילמאן-סיגאל האט געזאגט,** "געשעפט רויבעריי און ארגאנעזירטע ריטעיל רויבעריי האט געפייניגט אומצאליגע קליינע ביסנעסער אין מיין דיסטריקט און ריבער ניו יארק סיטי. טראץ דעם וואס עס איז שוין געווען שטראפן פארן האבן אין באזיץ גערויבטע פראדוקטן, ביז יעצט איז נישט

געוועזן קיין ספעציפישע געזעץ וואס האט געצילט אי-פענסינג, אדער איבער פארקויפן גערויבטע זאכן אנליין, וואס האט זיך פארמערט מיט באלד 60% זייט 2015. עס איז געשאצט אז קרימינאלע באנדעס פארקויפן איבער 500$ ביליאן דאלאר אין גערויבטע אדער פאלשע פראדוקטן דורך אנליין מארקעטפלעצער ווי אמאזאן, קרעיגסליסט, איבעי און פעיסבוק מארקעטפלעיס, מיט ווייניג אדער גארנישט קיין קאנסעקווענצן. דעס טוישט זיך מיט די אריינעמען פון אונזער ביל אין די סטעיט בודשעט צו אוועקשטעלן א קרימינאלע פארלעצונג פאר אי-פענסינג. מיט די נייע פארלעצונג, אונז געבן אונזער דיסטריקט אטערניס א וויכטיגע געצייג צו זיך אמפערן מיט ארגענעזירטע ריטעיל רויבעריי און דאס איבערפארקויף פון גערויבטע זאכן, וואו נאר עס פאסירט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול, סענאט מאריטעט פירער סטוארט-קאזינס, מאנהעטען דיסטריקט אטערנעי ברעג און אסעמבלי ספיקער העיסטי פאר זייער שטיצע פון די וויכטיגע לעגיסלאציע."

**סטעיט סענאטאריטשע דשעסיקא סקארקעלא-ספאנטאן האט געזאגט,** "די היינטיגע אינטערשרייבן רעפריזענטירט א וויכטיגע מיילשטיין אין אונזער אנגייענדע פארפליכטונג צו פארזיכערן די וואויל זיין פון אונזער ריטעיל ארבייטער און שוצן אונזער קליינע ביזנעסער פון ווילדע רויבעריי. איך וואלט געוואלט קאמענדירן אונזער גאווערנער האקול, מיין מיטארבעטער אין די אסעמבלי, מאני די לאס סאנטאס, CAPS , און אלע פון אונזער קליינע ביזנעס אייגענטומער און רעפריזענטאטן. באפאלן א ריטעיל ארבעטער וועט יעצט זיין א פעלאני. די מאסנאם וואס קומט ארויס פון מיין לעגיסלאציע וועט העכערן שטראפן פאר באפאלן א ריטעיל ארבעטער ווייל קיינער זאל נישט דארפן לעבן אין געפאר פון ווערן באפאלן ווען זיי גיין צום ארבעט. אונז זענען דא צו ווידער-שטעטיגן אונזער פארפליכטונג צו זייער זיכערקייט און די זיכערקייט פון אלע ריטעיל ארבעטער איבערן סטעיט. דורכאויס די פאנאדעמיק, אונז האבן זיך פארלאזט אויף אונזער ריטעיל ארבעטער אלץ עסענשעל ארבעטער - פילמאל ארבעטענדיג אומנארמאלע שעות אין קליינע ביזנעס געאייגענט און אפערירט דורך שכנים אין די ארומיגי געמיינדע. אין דעם בודשעט, אונז שיקן א מעסעדש צו ריטעיל ארבעטער אז אונז שטיצן זיי און אז זיי לעבןס זענען ווערדפול. די פעקעדש איז א גרויסע געווינס פאר פאבליק זיכערהייט און אונזער לאקאלע ביזנעסער, און איך בין זייער דאנקבער צו האבן געשפילט א ראלע אין ערלעדיגן די מאסנאמען אריינ גענומען פאר מיינע קאנסטיטועטנס אין סטעטען איילענד און דרום ברוקלין."

**אסעמבלימעמבערמעני דע לאס סאנטאס האט געזאגט,** "אנערקענענדיג די קריטישע ראלע פון ריטעיל ארבעטער אלץ עסענשעל צוגעבער צו אונזער געמיינדעס, פארבעסערן פאבליק זיכערהייט דורכן פארשטערקערן שטראפן פאר רויסעריי און געוואלדטאטן אין ריטעל סעטינגס איז גאר וויכטיג. די מאסנאמען שפיגלען אפ אונזער אומבויגזאמער פארפליכטונג צו טוהן וואס איז ריכטיג דורך שאפן זיכערע און באשיצטע ענווייראמענטן וואו סיי איינגעשטעלטע און קאסטאמערס קענען פילן ווערדפול און פארזיכערט. איך דרוק אויס מיין דאנקבארקייט צו גאווערנער האקול, ספיקער היעסטי און סענטארטשע סארקעללא-ספאנטאן פאר זייער שטארקע דעדיקאציע צו שאפן געזעצן וואס לייגן ערשט די וואויל זיין פון אונזער עסענשעל ארבעטער און געמיינדעס."

**ברוקלין דיסטריקט אטארני עריק גאנזאלעס האט געזאגט,** "ארבעטענדיג אפצושטעלן ריטעיל רויבעריי און בעסער פארזיכערן ריטעיל איינגעשטעלט איז געווען א וויכטיגע פריאריטעט פאר מיין אפיס און געזעץ אינפארסירונג אגענטורן דורכאויס די שטאט. איך בין דאנקבאר אז די לעגיסלאטור האט צוגעלייגט געצייג וואס וועט העלפן מיט דעם מיסיע אין די היי יעריגע סטעיט בודשעט און צופרידן אז גאווערנער האקול האט זיי אינטערגעשריבן אין געזעץ. די נייע געלטער וועט אונז לאזן בויען אויף סוקסעספולע אנטי-רויבעריי פראגראמען, אריינגערעכנט אונזער טרעספעס אפידעוויט פראגראם אפצושטעלן איבערגייענדע פארלעצער, און אינוועסטירן אין אנדערע לעזונגען. די שוץ מאסנאמען וואס זענען אויפגעשטעלט געווארן היינט שיקן א פאראייניגטע און קלארער מעסעדש אז אונזער ביסנעסער, און שוואר ארבעטענדער ניו יארקער וואס דינען אונזער געמיינדעס, מוזן אפערירן אין זיכערקייט און אן פארכט פון געזעצלאזיגקייט"

**דירעקטאר פון גאווערמענט רילעישענס פאר די נאציאנאלע סופערמארקעט פארבאנד און ווארטזאגער פאר CAPS נעלסאן אוסעביא האט געזאגט,** "איך קאמענדיר גאווערנער האקול פארן נעמען די פראבלעם פון ריטעיל רויבעריי און ארבעטען איבערמידלעך צו פאראויס רוקן די פלאן צו אדרעסירן דעם פראבלעם. אונז זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס שטיצע פון די פאליסיס וואס וועלן האבן באדייטענדע טוישונגען אויף למעשה פאר אונזער געשעפטן, איינגעשטעלטע און געמיינדעס און דעס איז וואס עס איז וויגן. א דאנק אסעמבלימעמבער מעני דע לאס סאנטאס און סענאטארטשע דשעסיקא סקארקעלע-ספאנטאן פאר זיין שטארקע אדוואקאטן אין די סטעיט לעגיסלאטור און העכרן די באזארגטע שטימעס פון קליינג ביזנעסעסער איבער ניו יארק סיטי און ניו יארק סטעיט."

**געשעפט קאונסיל פון ניו יארק סטעיט פרעזידענט און הויפט מעליסע א'קאננאר האט געזאגט,** "ניו יארק איז די ריטעיל הויפטשטאט פון די וועלט, און גאווערנער האקול האט אנערקענט פאר חדשים צוריק אז כדאי אנצוהאלטן דעם דעזיגנאציע, געשעפטן האבן געדארפט איר הילף צו אדרעסירן ארגאניזירטע ריטעיל פאברעכן און שטייגערליכע ריטעיל רויבעריי. זי האט צוגעהערט צו אונזער זארגן אומבאלאנגט געשעפט און געמיינדע זיכערהייט און, די וויכטיגסטע פון אלעמען, זי האט געגומען שריט. איך בין שטאלץ זיך מיטצושטעלן מיט די גאווערנער און די ברענדס אונז רעפריזענטירן מיטצוהאללטן די היינטיגע ביל אינטערשרייבונג, נאכפאלגענדיג חדשים פון שווערע ארבעט, ריספעקטפולע דעבאטעס און תוכן-פולע קאנווערזאציעס מיט געזעץ מאכער און געמיינדע פירער. מיר וועלן ווייטער זיין פארמישט מיט אלע סטעיקהאלטער צו פארזיכערן א זיכערע און געשמאקע איינקויף איבערלעבעניש דורכאויס ניו יארק סטעיט."

**פרעזידענט און CEO פון דער ביזנעס קאונסיל פון ניו יארק סטעיט אינק. היעטער מיליגען האט געזאגט,** "געשעפט רויבעריי איז געווארן א הויפט זארג פאר ביזנעסער לענגאויס די סטעיט, איבערהויפט קליינע ביזנעסער מיט אויסגעשטעלטע פראדוקטן, וועלכע לאזט זיי אויסגעשטעלט צו אזעלכע פארברעכן. מיר דאנקען דעם גאווערנער פאר שטעלן די פארמערטע זיכערהייט מיטלען פאר א פריאריטעט און פארן שיצן די וואס געבן דזשאבס און בייסטייערן צו די סטעיט און לאקאלע עקאנאמיעס."

**פרעזידענט און CEO פון די פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי קעטערין ווילד האט געזאגט,** "די ביזנעס געמיינדע איז שטארק דאנקבאר פון גאווערנער האקול'ס פירערשאפט אין זיך שלאגן מיט די שווערע פארמערונג אין ריטעיל רויבעריי און, איבערהויפט, פארמערטע שוץ פון ריטעיל ארבעטער וואס זענען אזוי אויסגעשטעלט צו אינטימידאציע און שעדיגונג."

**פרעזידענט און CEO פון די גרעיטער ניו יארק טשעמבער פון קאמערס מארק דשאפע האט געזאגט,** "אונזערע מעמבערס טוהן שעצן גאווערנער האקול'ס פירערשאפט צו העלפן שטראפן איבערגייענדע פארלעצער וואס לייגן אין געפאר ניו יארקס קוואליטעט פון לעבן. אונז זענען אלע אנגעוויזן אויף ריטעילער און קליינע ביזנעסער צוצושטעלן עסענשעל סערוויסעס. עס איז זיכער אז די לעגיסלאציע שטעלן צו וויכטיגע געצייג וואס וועלן זיי שיצן און אזוי צוריקשטעלן זיכערער געמיינדעס וואס זענען אזוי וויכטיג פאר ניו יארקס לעבעדיגקייט. קליינע ביזנעסער און ריטעילער האבן אויפגעוויזן צו זיין אינטעגראל צו די וועג אונז לעבן און טוהן ביזנעס און עס קומט זיך זיי אלע שטיצע אונז קענען זיי געבן. אונז ביי די טשעמבער פון קאמערס זענען שטאלץ צו שטיצן אונזער ריטעילערס און קליינע ביזנעס מעמבערס און אונז וועלן ווייטער פייערן דעם לעגיסלאציע."

**מאנהעטען טשעמבער פון קאמערס פרעזידענט און CEO דשעסיקא וואלקער האט געזאגט,** "ריטעיל רויבעריי איז געווארן אן ערנסטע דראונג צו די איבערלעבן פון קליינע ביזנעסער איבער ניו יארק סיטי. צום באדויערן, אסאך קליינע ביזנעסער האבן אפילו אויפגעהערט באריכטן אזעלכע רויבעריי ווייל זיי האבן געפילט אז גארנישט וועט געטוהן ווערן דערוועגן. אונז קאמענדירן גאווערנער האקול און די סטעיט

לעגיסלאטור פארן ענדליך הערן זייער געבעט און האבן גענומען שטארקע שריט צו אדרעסירן דעם קריזיס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן